# זאָל עס שטורעמען

ווי קען איך האָפֿן
אַז אַ ליכטיק-שטראַל
זאָל צו מײַן האַרץ צוקומען
ווען זון
ווערט פֿון שרעק אַרומגענומען?

טאָ זאָל עס שטורעמען
מיט ווינטן און פֿרעסט,
צעשטעטערן יעדע פֿעסטונג און
יעדע פֿינצטערע נעסט
וואָס ווערט באַוווינט
פֿון קראַנקייט-טראַגעדיע ברואים,
פֿון מערדער און רשעים.

זאָלן ווינטן שנײַדן, מאָלן,
ביז ס'וועט ווערן שטויב
פֿון יעדער חיה.
און זון וועט זיך באַווײַזן
אַ לויטערע, אַ פֿרײַע.

דאַן וועט דאָס אײַז
בײַ מיר אין האַרץ צעגיין,
און אפֿשר וועט מײַן לעבן
טאַקע ווערן נײַ און שיין.